בס"ד

<u>להתוודע ולהגלות</u>

מיר ווילען מודיע זיין דעם ווירדיגען קהל חרדים און שלימים, אז נישט כ"ק אדמו"ר הג' הק' מסאטמאר שליט"א, נישט זיין קהל און נישט זיין ישיבה האבין השגחה איבער די פלייטען און עופות פון מוה"רר אהרן וויינשטאק, טראץ דעם וואס ער לעגט ארויף א חותם מיט דעםווארט סאטמאר.

עס איז בכלל א גרויסער ספק צו דער פערזוין האט נאמנות? ווייל ער שטעהט אין <u>מיאמי</u> אין א האטעל ׳ וואס איז ג׳אסערט פון כ"ק אדמו"ר שליט"א און די התאחדות הרבנים ווייל דארט איז א געמישטע סווימינג פול און נאך פרצות און עס איז א קול רינון אז ער האט זיך אויך געבאדען בתערובות.

עס איז קיין באווייז אויף זיין נאמנות וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א שטעהט איין ביי איהם אין בארא פארק, ווייל דאס ווערט געטוהן דורך די השפעה פון דעם משמש און די אנדערע נאהנטע מקורבים וואס זענען מלחכי פינכא סון וויינשטאק.

**און כ"ק אדמו"ר שליט"א**, איז גארנישט באקאנט אין די ענינים נאר וואס דער גבאי און די שוחטים זאגען איהם, און זיי קען מען בעצם נישט גלויבען ווייל זיי זענען מקבל טובה פון וויינשטאק און דאס רוהרט אהן זייער פרנסה, ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א שרייבט בספה"ק ויואל משה סי׳ קע"ב.

דאס רעפלעקטירט גארנישט אויף כ"ק אדמו"ר שליט"א, נאר בעוה"ר עס איז אזוי רבינו אליין שרייבט בספה"ק הנ"ל סי׳ ק"נ אז אין חטא פון דור ווערען די צדיקים פארפירט וז"ל שם סי׳ ק"נ "שסמיית עינים של המנהיגים שלא להבין האמת היא מאשמת העם שנענשים בכך לסמות עיני המנהיגים" און דאס איז נישט גורע מגדולתן של הצדיקים, ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט אליין געזאגט בענין הבחירות אויף דעם צדיק הדור זיע"א,